# UCLA
## Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn

**Title**
Ish Yair – A Finf Un Zekhtsiker /  Ish Yair – At 65

**Permalink**
https://escholarship.org/uc/item/88x128qn

**Journal**
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 92(1)

**Author**
Lev Wasserman, Leyb Vaserman /

**Publication Date**
1978-10-01

Peer reviewed

eScholarship.org Powered by the California Digital Library
University of California

לייב וואַסערמאַן / ניו־יאָרק

# איש יאִיר — אַ פינף און זעכציקער

מיר געדענקען נאָך אַלע, אויך די איבערגעקומענע יידישע שרייבערס פון נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה, אַז ווען דער רוב יידישע שרייבערס אין אַמעריקע האָט נאָך געלעבט, איז נאָך געווען אַ שיינע איינשטעלונג צו אָפּמערקן, ווייניקסטנס מיט אַן אַרטיקל, אַ יובילייִ פון אַ שרייבער. היינט אָבער איז ביי אונדז געוואָרן אַזאַ גלייכגילטיקייט, אַזוי טונקל אין דער סביבה, אַז מען זעט נישט איינער דעם אַנדערן. איז טאַקע אמת, אַז ווען דאָס דאָס ליכט ווערט קלענער, ווען אַסך פון באַדייטנדיקע יידישע שרייבערס און דיכטערס זיינען שוין מער נישטאָ, ווערט אין דער צייטווייליקער וואָר טונקעלער.

ס'איז אָבער אַ זינד צו פאַרנאַכלעסיקן אָדער פאַרגעסן די וואָס זיינען געבליבן, ניט נאָר ווייל עס טאָר נישט זיין קיין סטאַגנאַציע, נאָר אויך, און אפשר נאָך מער דערפאַר, וואָס די איצטיקע יידישע שרייבערס ווערן שוין באַצייכנט ווי די איבערגעבליבענע, וואָס דאָס מיינט, אָן אַ צו־וווקס.

קיין מאָל איז אין דער יידישער ליטעראַטור, צו גלייך ווי אין די אַנדערע ליטעראַטורן, נישט געווען קיין געבליבענע אָדער איבערגעבליבענע. ס'איז אַן אויסנאַמלעכע און אפשר איינציק־אַרטיקע טראַגישע באַצייכענונג, וואָס שייך די פאָרשטייערס פון אַ ליטעראַטור. דערפאַר איז טאַקע אַ יושר זיך אָנגורטן מיט ווילן צו צעשטרייען די דאָזיקע טראַגישקייט. און אין דער דאָזיקער צעשטרייאונג וועל איך פרוּוון צו פאַרצייכענען דעם דיכטערישן אויפטו פון דעם אָריגינעלן און פרוכטבאַרן דיכטער, איש יאִיר (ד״ר ישראל שטערן) צו זיין אַלט ווערן פינף און זעכציק יאָר, ביז הונדערט און צוואַנציק.

איש יאִיר איז נישט נאָר אַן אָריגינעלער און טיפער שאַפער פון ליד אין יידיש נאָר אויך אָנגעזען אין דער ענגלישער ליטעראַטור מיט אַ דיכטערישן קאַפּיטאַל פון צוויי ביכער. ער איז אויך פאַר אַ סך יאָרן געווען אַ גאָר פאַרדינסטפולער דערציער אינעם יידישן שולוועזן פון קאַנאַדע, ווי אויך אַ פּראָפעסאָר אין אַ ריי קאַנאַדישע אוניווערסיטעטן. ער איז נישט נאָר אַ הויכער פאַך־געלערנטער, נאָר אויך אַן אַלזייטיקער בקי אין אַנדערע וויסנשאַפטן, ווי אויך אַ ברייטער און טיפער קענער פון רעליגיעזער יידישקייט אויף אַלע געביטן און פון אַלע קוואַלן.

אין יידיש האָט ער נאָך דערווייל מער ניט פאַרעפנטלעכט ווי איין בוך פּאָעזיע, אונטערן נאָמען: „ויהי בימי״, אַרויסגעגעבן אין קאַנאַדע, אין 1975. אָבער ס'איז אַ בוך פון אַ רייפן און טיפן דיכטער מיט גאָר רייפע השגות.

אויך נאָכן פאַרעפנטלעכן דעם דאָזיקן בוך, האָט ער שוין פאַרעפנטלעכט אין כמעט אַלע ליטעראַרישע אויסגאַבעס, אַ היפּשע צאָל ווייטערדיקע לידער, וואָס ווייזן נאָך אַמאָל זיין אָריגינאַלקייט און פרוכטבאַרקייט. פּאָעטישע פרוכטבאַרקייט איז ניט דאָס נאָכאַנאַנדיקע שרייבן, נאָר דאָס נאָכאַנאַנדיקע האָבן וואָס צו זאָגן, וואָס דאָס מיינט אומאויפהערלעכן טאַלאַנט. און איש יאִיר האָט וואָס צו זאָגן, ווייל זיין פּאָעטישער הינטערגרונט איז נישט קיין ענגער תחום, נאָר אַ שטענדיקער צופלוס פון אַנדערע און נאָך אַנדערע אויסדרוקן, אויפגעכאַפּטע פון ווי ווייט ס'זאָל נישט זיין.

צוגלייך מיטן וואָרט אויסדרוק, וואָס איז צוגעגנגלעך פאַר די מערסטע לייענער פון פּאָעזיע, זיינען ביי אים אויך פאַראַן אַ היפּשע צאָל וואָרט־פּאַרטיפעניש, וואָס זיינען נאָר צוטריטלעך פאַר אַ קלענער צאָל גאָר עמפינדלעכע פּאָעזיע־געניסער. זיין וועג איז אָפט נישט צו אַרויסטויכן מיטן וואָרט, נאָר עס אָנהאַלטן אַראָפּגעטויכט, כדי צו זיין טיפער אין די פּראָבלעמען פון טויט און חורבן, ווי אויך אין פּראָבלעם פון: וואָס ווייטער.

אָט דערפאַר איז ער אפשר מער טרויעריק ווי אַנדערע דיכטער; אָפט אַזוי טרויעריק, ביז ס'איז שוין ניטאָ קיין וועג אויך פאַרן טרויער. אָבער טרויער, אפילו ווען

ער האָט שוין ניט ווו צו גיין אָדער אָפּצוטרעטן, איז ביי יעדן אמתן פּאָעט אַן אַקטיווער געפיל טראָץ דעם וואָס אויבערפלעכלעך באַנעמט מען אַזאַ פּאָעט ווי אַ פולקאָמענעם ניין־זאָגער צו דער ווייטאַלערווירקלעכקייט.

ווער עס לייענט זיך גוט אַריין אין דער שאַפונג פון אַן אמתן פּאָעט, קען אַרויספילן ווי ווייט אונטער זיין טרויעריקסטן טרויער איז באַהאַלטן אַ בענקעניש, אָדער אַ דראַנג, נאָך זיין פאַרלאָרענעם, אָדער צוגענומענעם וויטאַלן ים. די גרויסע טרויערן ביי אַזאַ פּאָעט זיינען אויך די סיגנאַלן פון זיך אָפּגרענעצן פונעם פאַלשן און אומגערעכטן. דער גאָר טרויעריקער פּאָעט און דווקא אַזוי אַרום דער ניט אידענטיפיצירטער אַרויסטרעטער קעגן דער גאָרער אומגערעכטיקייט; אפילו קעגן אַזוינע אומגערעכטיקייטן, וואָס מען זעט זיי ממש ווי אײדלקייטן. און ווייל דאָס איז אַזוי, איז ער אויך דער אײדלסטער מענטש.

איש יאיר איז אַזאַ סאָרט מענטש און אַזאַ סאָרט פּאָעט. ער איז דער גערעכטער און דער אײדעלער, דווקא און טאַקע נאָר צוליב זיין כמעט אומעטומיקן טרויערן. ער קען ניט זינגען וועגן דער אַזויגערופענער רעאַליטעט, וואָס איז פול מיט אָפענע און פאַרהילטע פאַלשקייטן. ער וויל תמימות, ער וויל מען זאָל זיין ווי ער און איז עקסטרעם אין זיין פאַרלאַנג.

אָט דער שטריך איז אַ גאָר שיינער צו זיין אָפּגעלאָפענער פּאָעטישער יוגנט, און איצט צו זיין אַלט ווערן פינף און זעכציק יאָר, ביז הונדערט און צוואַנציק. עס איז דער שטריך פון גאַנצקייט, פון אַ גאַנצן מענטשן, וואָס גייט נאָך אַלץ צו גאַנצקייט, ווייל דער וועג צו גאַנצקייט איז אָן אַן אָפּשטשעל און אָן אַ סוף.

און זייענדיק תמיד מיט יסורים, סיי פּערזענלעכע, סיי אַלגעמיין־יידישע און וועלטישע, באַקומען זיי ביי אים פאַרשיידענע דורכדרינגלעכע אויסדרוקן. אינעם ליד: „שטורעם" פון זיין בוך: „ויהי בימי", וואָס ווי געזאָגט אויבן, איז עס דערווייל זיין איינציק לידער־בוך אין יידיש, טויכן אויף זיינע אויסדרוקן ביז צום פולסטן דורכברוך פון דער באַריטער טראַגיק:

צעפלאָשעטע מכשפה, כמאַרע, סאַזשע־
קויל,
דערמונטער מיך ווען רגע שפּאַלט
דעם הרף־עינס הויל.
שליידער מיך צום אָפּגרונט — לער —
וואָס הויערט צווישן שטויבן.
פאַרוואַרף מיך צו דעם כף־הקלע —
נאָך סוף, פאַר אָנגעהויבן.

מען דאַרף דאָ באַמערקן אַזעלכע באַזונדערס ווייט־געצילטע שורות ווי: „דערמונטער ווען רגע שפּאַלט / דעם הרף־עינס הילף", אָדער: „פאַרוואַרף מיך צו דעם כף־הקלע / נאָך סוף, פאַר אָנגעהויבן", ווו די שורה: „נאָך סוף, פאַר אָנגעהויבן", גיט דעם באַזונדערן טראַגישן אויפלויכט. אָבער דער אויסדרוק: „דעם הרף עינס הויל", איז אַ גאָר קאָמפּליצירטע און טיפע פּאָעטישע אַרויסברענגונג פון זיין געמיט. מען דאַרף זיך אַ סך אוממיטלבאַר אָנשטרענגען צו דערשפּירן בילדלעך און געדאַנקלעך אַזאַ אומגעווייגלעכע זעונג. איש יאיר אָפּערירט מיט אומגעוויינלעכע אויסדרוקן, וואָס הגם דער מיין זייערער אין זיין ליד איז דורכאויס דאָ, איז ער אָבער כמעט פון אַ פאַרהוילענער דאָיקייט.

און ווי אַ צוגאָב צום גלאָבאַלן יסורים־שטאַנד, אָדער אפשר ווי אַ פּועל־יוצא פון דעם, אָדער אַ סך־הכל, זעט איש יאיר אין זיין ליד: „עמאָציע":

שוים־באַקרוינטע כוואַליעס
קאַרבן זיך און הייבן, צערענען און רעשן,
גרייט געשפּאַנט צום שפּרונג,
צו טאָן אַ שלונג די שאָל,
מיין וויניקייט,
די ליידיקייט,
מיין „איך".

אַזוינע שורות באַווייזן, אַז ער פאַרמאָגט אַ געמיט, וואָס קאָן אַרויסטויכן פון זיך אומהיימלעכע סך־הכלען, וואָס ליגן ערגעץ ביי די סאַמע ראַנדן פון זיין זעלבסט.

אין זיין ליד: „הוידע", גיט ער פון אַן אַנדער ראַנד אין זיין געמיט, אַ פולן אויסדרוק פון טראַגישער טרוימערישקייט:

הוידע, הוידע, הויך און העכער.
טרינק לבנה פון די דעכער.
פאַנג אַ שטערן אין זיין ציטער.
אין לעבן־שטראָם, צעלאָז זיך, ריטער.
זיווג — ׳איך׳ און ׳דו׳ — אַ נס.
׳עס׳ — צעשיידט — אַ קאַלטער מת.

זיינע אויסדרוקן צו דורכדרינגען די ווירקלעכקייט פונעם מענטשלעכן זיין, זיינען שאַרפע, שטעכיקע, און איינציייטיק ביז גאָר דינע. פאַרשיידן זיינען זיינע טרויערן, און זיינע לידער באַווייזן גאָר אַ סך די טרויעריקע פילפאַרביקייט פון זיין געמיט. אינעם ליד: „פאַרמייד פון מיר״, זינגט ער אַרויס זיין טרויער אין אַ גאָר אַנדער רעגונג:

דעם יאוש־כליפּ אין טויבער נאַכט,
דעם יאָמער פון יסורים־וויג,
פאַרמייד פון קעל, ווען שאָטן פאַלט,
דו אַל־דאָס־אַלץ, מיין טאַטע.

די שורה: „דו אַל־דאָס־אַלץ, מיין טאַטע״, איז אַ גאַנצע טאַטע־קאָנצעפּציע, וואָס גאָר אַ סך פון אונדז וועלן זי שטאַרק אָפּ־פילן, אָבער זאָגן, האָט זי געזאָגט, אין איין אַלץ־אַריינגענעמענדיקער שורה, נאָר איש יאיר.

איש יאיר האָט אויך אַ מין פאַרהוילטע, דורך אים אויסגעטראָגענע, האַרבע, און צוגלייך דינע אויסדרוקס־קראַפט, אַפילו אין דער ראָמאַנטישער און האַלב־עראָ־טישער אויפוואַכונג. אין זיין ליד: „באַ־דעקנס״, צעחלומט זיך און צערעדט זיך זיין אויפוואַכונג אויף אַזאַ אופן:

שטופּ מיין לאָדקע אָפּ פון זאַמד
זאָל וואַסער־צונג זי לעקן.
מיין וויגל ציט צום אויג אין וואַלד—
אַ כלה ביים באַדעקנס...
די זון, ווי אַ געטרייער הונט,
טוט מיין וויי אויסלעקן.
יער איך אויף אין גלוסטעניש
ווי אַ ראָשטשינע אין בעקן.

אויך די דאָזיקע אויפוואַכונג איז ווי אַן אַרויסגעשלאָגענע פון יסורים. די דינקייטן זיינען נישט קיין גרינגע. זיי דרינגען פון שווערע דערפאַרונגען אויפן גאַנצן לעבנס־שטח. אָבער זיי זיינען דורכויס אויסגעחלומטע, און אין לעצטן סך־הכל דין, ווי ס׳קאָן נאָר געגעבן ווערן דינקייט, אינעם האַרבן געמיש פון חלום מיט פיינלעכער ווירקלעכקייט. אַזוינע שורות ווי: „מיין וויגל ציט צום אויג פון וואַלד״, אָדער: „יער איך אויף אין גלוס־טעניש / ווי אַ ראָזשינקע אין בעקן״, זיינען אַ פולע פּאָעטישע אידענטיפיקאַציע פון זיין געמיט, אין אַזוינע אָנגעזאַמלטע צושטאַנדן.

און הגם איש יאיר איז איינער פון אונדזערע טרויעריקסטע דיכטער, לאָזט זיך עס אָבער ניט אָנווענדן ווי אַ פולן סך־הכל צו זיין גאַנצן געמיט. ער איז אויך, פון דער צווייטער זייט, אַריינגעטאָן אין די גלוסטיקע און בלענדיקע לעבנס־רגעס פונעם גאָר דינעם מענטשלעכן לעבנס־שטראָם. און דאָס איז דורכויס ניט קיין חידוש, ווייל ס׳זיינען גאָר נישט פאַראַן קיין נאָר טרויעריקע צושטאַנדן, איבערהויפּט ביי אמתע דיכטער, וואָס רייסן זיך דערנאָך און ווידער מיט אַ די־נעם בליק אין די העלע שטראָמען פונעם לעבן, וואָס זיינען תמיד דער זוכטבאַרס־טער טייל פונעם באַשאַף, ווייל דאָס גאַנ־צע לעבן איז באַשאַפן צו זיין העל און אויסדערוויילט.

אפילו דער עקסטרעמסטער טרויער איז ביים עכטן פּאָעט אַ שאַפונגספולע ווירק־לעכקייט. דורך דעם פאַקט, וואָס דער טרויער ווערט באַהויכט, איז ער תמיד וועזנטלעך אויף אַ ברייטער און דינער קאַנווע פון אוממיטלבאַרן ליכט. און דאָס אוממיטלבאַרע ליכט איז תמיד אַן אויס־געשטרעקטע האַנט צום גאַנצן לעבנס־פלוס אינעם באַשאַף; אַזוי, און אויף אַזאַ אופן, איז דער באַהויכטער טרויער שטענ־דיק, און אויף שטענדיק, גאָר ווייט פון דער אַלגעמיינער געענגטער פאַרלאָרב־קייט אין די מיטלבאַרע צושטאַנדן.

דערפאַר קאָן טאַקע איש יאיר, טראָגן זיינע יסורים, אויך באַהאַלטן אָדער איינ־הילן אַ גאָר דינע, איידעלע מענטשלעכע ליבשאַפט אין די שטילסטע נאַטור־סימבאָלן:

מאַכט זיך:
אַ בלעטל פאַרוועבט זיך,
פאַרליבט זיך ביז אויסגיין אין בלוי;

ווי אַ פֿעדערל פֿליט עס, פֿאַרשוועבט זיך
צו וואָלקנדלעך, ציפּקעלעך שניי.

און אינעם ליד: „אידיליע", קאָן ער אַרויספּליסן מיט אַזעלכע דינע אידיליע־שורות:

אַלט וואַלד פֿלעכט דעם חופּה־סכך;
פֿאַנגט די לאַדקע אין איר טראַכט...

וואָס שייך טויט, שרייבט ער נישט נאָר אין זין וואָס ער שרעקט זיך נישט פֿאַר אים, נאָר דער הויפּט־זין איז אין דעם, וואָס ער דריקט דאָ אויס נאָך עפּעס:

עס איז נישט קיין בושה צו שטאַרבן:
צעגיין זיך אין האַניק פֿון האַרבסט.
דיין קול וועט אַ ווינטעלע אַרבן;
דערקוויקן אַ שפּערל — דיין גאַרב.

דער נאָך עפּעס איז אין דעם, וואָס שטאַרבן איז נישט קיין בושה, ווייל באמת וואָלט עס געדאַרפֿט זיין אַ בושה פֿאַרן לעבן, וויבאַלד לעבן איז אַ הייליקער גאַב. און איש יאיר דערפֿילט דאָס, און גיט אין די וויטערדיקע דריי שורות די פֿאַרענטפֿערונג, וואָס דער האַרבסט, די סימבאָלישע צייט פֿון שטאַרבן, האָט ביי אים אויך האַניק, און בפּרט נאָך, אַז „דיין גאַרב" וועט „דערקוויקן אַ שפּערל", וואָס פֿון דעם קאָן מען אַרויסציען אַ סך אַנדייטונגען , ווייל סיי „דער גאַרב" און סיי דאָס 'שפּערל" זיינען ניט איינדייטיק.

מען דאַרף אַ סך שרייבן און אַנאַליזירן כדי אַרויסצוברענגען די פּיליזייטיקע פּאָעטישע סטעזשקעס פֿון זיין געמיט. הגם ער שרייבט אויך אייגנאַרטיקע לידער, וואָס זיינען נישט קאָמפּליצירט, איז אָבער זיין עצם דרך אינעם איינבייסן זיך אין דער 'טעמע", און אינעם איינבייסן זיך אינעם וואָרט. אויף וויפֿל ער וויל מערסטנס אַרויסשלאָגן דאָס קאָמפּליצירטסטע פֿון זיין געמיט, מוז ער אויך זוכן דאָס קאָמפּליצירטסטע וואָרט. און די קאָמפּליצירטקייט אין זיין געמיט איז אַ פֿיינלעכע, אַן אומלייזבאַרע און געדיכט־אָנגעזאַמלטע; אַ דראָענדיקע און עקסטרעמע וואָס כדי זי אויפֿפּאַסן דאַרף מען אַזוינע קורצע און שלאַגהאַפֿטיקע וואָרט־מאַנשאַפֿטן, וואָס זאָלן זיך קענען טיף איינבייסן אין איר.

און דאָס אַלץ וואָלט ער נישט געקענט אַרויסגעבן, ווען ער ווייסט נישט צו זאָגן:

בעט פֿאַר מיר,
צו זיך אַליין,
באַשעפֿער פֿון אַלע וועלטן.

דער כוח פֿון אַ פּאָעט איז סוף־כל־סוף אין זיין טיף־פּאָעטישער און מענטשלעכער רעליגיעזיטעט, אין זיין אמונה, וואָס שוועבט איבער אַלע זיינע טרויערן, ווען אפילו די טרויערן וועלן אים אָט־אָט אין גאַנצן איינשלינגען. און דאָס איז ער טאַקע, איש יאיר.

ווי אַ ייד, און ווי אַ טיפֿער יידישער דיכטער, איז ער אויך אַריינגעטאָן מיט אַלע זיינע חושים אין דער אַלוועלט, ווייל יידישקייט איז אַלוועלט. עס קאָן ניט זיין קיין טיפֿע אמונה אין דעם באַשעפֿער, אָן צו דרינגען אין די הימלען, אָן צו וועלן פֿאַרשטיין און אויפֿפּאַסן די אַלוועלט, און דאָס וואָס איז איבער דער אַלוועלט. דער געטלעכער איינשטעל פֿון דער וועלט און יענער וועלט, איז אַן אַרויסרוף צום איבערוועלטישן. און ביי איש יאיר איז דאָס איבערוועלטישע דער סאַמע עיקר. ערשט פֿון דאָרט זעט ער אונדזערע אַלע ערדישע איינשטעלונגען צו גאָט, אונדזער גאַנצע היסטאָרישע יידישע אויפֿפֿירונג.

ס'זיינען געווען ביי אונדז געוויסע ליטעראַטור־קריטיקער און אַרטיקל־שרייבער, וואָס האָבן געוואָלט פֿאַרמולירן יידישקייט, ווי אַ פֿאָלקישע און ערדישע הלכה, אָן דעם אוניווערסאַלן, קאָסמישן און איבערוועלטישן פֿאַרנעם. זיי האָבן געוואָלט אַ יידישקייט צוגעפּאַסט צו זייערע שמאָלע שעפֿערישע השגות. דער אמתער יידישער דיכטער איז אָבער דער יורש פֿון דער אָריגינעלער היסטאָרישער יידישקייט, מיט איר אומענדלעכן פֿאַראויסבליק, ווייל גאָט איז אומענדלעך.

דערפֿאַר איז איש יאיר רעליגיעז אין אַזאַ גלאָבאַלן פֿאַרנעם. ער איז רעליגיעז אין זיינע שפּראַכלעכע סימבאָלן, אין זיין שפּראַכלעכער דערפֿינדערישקייט. און ווייל ער איז טיף־רעליגיעז אין אַזוי פֿיל יידישע דערוואַכונגען, איז ער אויך אַ פּאָעטישער טראַכטער, אַן אויסגעשפּראָכענער אינטעלעקטועלער פּאָעט, ווייל

וואָס פּאָעזיע האָט אין זיך מער אויסשפּרייט, אַלץ מער ווערט אין איר אַקצענטירט דאָס פּאָעטיש אינטעלעקטועלע.

אויך דערפאַר איז אפשר איש יאיר אויך אַריינגעטאָן אין דער עסיי. ער שרייבט אויך עסייען מיט אַ גאָר ערנסטן אַריינטראַכט. ער פאַרעפנטלעכט זיי מיט זיין אמתן נאָמען: ד״ר ישראל שטערן. אין איינער אַזאַ עסיי, אונטערן נאָמען: „י. ל. פּרץ״, געדרוקט אינעם ראש השנה נומער „קעמפער״ פאַר תשל״ז, גיט ער אַן אַלזייטיקן און גאָר אָריגינעלן אַריינבליק אין דעם מענטש, קינסטלער און דיכטער פּרץ. ווי אַ קורצע און נאָר איינציקע אילוסטראַציע צו באַשטעטיקן עס, וועל איך דאָ ברענגען דעם פאָלגנדיקן אויסצוג, וואָס שייך פּרצן דעם קלאַסיקער:

„קודם, פּאַסט אים נישט די שילד — „קלאַסיקער״. דאָס איז בכלל אַן אומגעראָטענע באַצייכענונג פון דעם דרייינג פונדאַמענטן־לייגער, אָדער ראשונים, פון דער יידישער ליטעראַטור. קלאַסיציזם פּאָרט זיך נישט מיט זייער שפּראַך, זייער סטיל, זייערע ׳העלדן״ און טעמאַטיק. על אחת כמה וכמה פּאָרט זיך עס נישט מיט פּרצן, וועלכער איז טייל מאָל צו שפּיציק רוי, טייל מאָל קאָכעדיקע לאַווע, און אַ סך מאָל צו מאָדערניסטיש צו זיין קלאַסיש, קיל, געטאָקט.״

איש יאיר איז דאָ זייער גערעכט, ווייל דאָס יידישע לעבן איז נישט פּאַר קיין קלאַסישע שילדערונגען. שוין דאָס אַליין וואָס יידן זיינען אין גלות, איז עס שוין נישט קיין קלאַסיש לעבן, ווייל ס׳איז נישטאָ קיין קלאַסישער יידישער גלות. און דאָס יידישע פאָלק בכלל, זיין אייגעבוירענער גייסט און געמיט איז אַ יידישברוינזנדיקער, אפילו פון דער טיפסטער שטילקייט. אויך דער תנכישער ייד אין זיין תנכיש לאַנד, איז נישט געווען קיין שטאָף פאַר קיין קלאַסישער קונסט. יידן קלעטערן פון דער ערד צום הימל, כדי צו גרייכן אויף דער ערד צום מלכות שמים. און דאָס איז אויך מיטן ייד, אפילו ווען ער איז צייטנווייז וועלטלעך, אָדער לויפט צייטנווייז נאָך גשמיותדיקע גיטער. דאָס איז אַ פאָלק מיט אַן איינציקאַרטיקן גייסט, ביי וועמען די ערד דאַרף ווערן הימליש. אָבער די שטרעבונגען ביי די גויים זיינען צוגענאָגלט צו דער גשמיותדיקער ערד מיט חלומות און ראָמאַנטיק וואָס זיינען ווידער, און דער עיקר, ערדישע. בלויז פון זיי האָט דעריבער געקענט אַרויסטויכן די קלאַסישע פאָרם, ווייל אויך אין זייער אויפברויז און טראַגיק, זיינען זיי אַלץ סטאַטיש, דורכ דעם, וואָס אין דער אַלגעמיינער פּערספּעקטיוו זיינען זיי נאָר ערדיש, און נאָר גשמיותדיק.

איש יאיר האָט עס אָפּגעפילט, און זיין אָפּפיל פאָרמולירט אין דער עסיי וועגן פּרצן. ער איז אַ מענטש פון אַ רייכן און פילזייטיקן פאַרנעם, וואָס קאָן זיכער אויך באַרייכן אונדזער עסיי, מיט טרעפלעכער מחשבה. צו זיינע פינף און זעכציק יאָר זיינען מיר אים שולדיק אויפמערקזאַמקייט. אויך אין אונדזערע ענגערע באַדינגונגען, ווען די אמת־טאַלאַנטירטע פּען־מענטשן ווערן אַלץ ווייניקער, ווייל ס׳איז שוין נישטאָ קיין צו־וווקס, איז אַוודאי נויטיק אים אונטערצוטראָגן פאַרדינטע דערמוטיקונג, און אים ווינטשן נאָך אַ סך, אַ סך שעפערישע יאָרן, מיט געזונט און הנאה, מיט באַרייכערן אונדזער יידישן שפּייכלער מיט פיל וואָגיקע ביכער סיי אין פּאָעזיע, סיי אין עסיי.

אַבאָנירט און שטיצט

חשבון

די איינציקע יידישע צייטשריפט אין די פאַראייניקטע שטאַטן אַחוץ ניו־יאָרק.

אַבאָנימענט: $5.00 אַ יאָר